**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שליסונג פון 4-יאריגע לעיבאר אפמאך מיט 'יונייטעד יוניווערסיטי פראפעשענס' יוניאן**

***קאנטראקט באשטעטיגט מיט איבערוויגנדע שטיצע פון UUP מיטגלידער***

***די אפמאך מיט די UUP נעמט אריין מער ווי 37,000 לערער און פראפעסיאנעלע שטאב מיטגלידער פון די SUNY סיסטעם, די לאנד'ס גרעסטע העכערע בילדונג יוניאן***

***קאנטראקט רעכנט אריין יערליכע געהאלט העכערונגען, העכערונג אין 'לאקאציע באצאלונג', 12 וואכן פון פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א פיר-יאריגע לעיבאר אפמאך איז געשלאסן געווארן מיט די 'יונייטעד יוניווערסיטי פראפעשענס' (United University Professions, UUP) יוניאן וואס נעמט אריין מער פון SUNY 37,000 לערער און פראפעסיאנאלע ארבייטער. די אפמאך וואס וועט זיין אין קראפט ביז יולי 1, 2026, האט געוואונען די באשטעטיגונג פון 96.4 פראצענט פון UUP מיטגלידער וועלכע האבן געגעבן זייער שטימע אין די אפגעהאלטענע וואלן.

"די קאנטראקט באצאלט יושר'דיגערהייט די פלייסיג-ארבעטנדע מיטגלידער פון די 'יונייטעד יוניווערסיטי פראפעשענס' וועלכע גיבן אוועק פון זייער קריטישע מומחיות'שאפט צו בענעפיטירן ניו יארק'ס קאלעדזש סטודענטן יעדן טאג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין דאנקבאר פאר פרעזידענט קאוואל פאר זיין שותפות צו העלפן שליסן די אפמאך און צו פארזיכערן אז די געהאלט און בענעפיטן פון אונזערע טאלאנטפולע ארבייטער שפיגלען אפ זייערע וויכטיגעביישטייערונגען צו אונזער סטעיט."

די געשלאסענע קאננטראקט רעכנט אריין געהאלט העכערונגען אין יעדע יאר פון די אפמאך אין איינקלאנג מיט אנדערע אויסגעהאקטע אפמאכן. אין צוגאב רעכנט די קאנטראקט אריין אנדערע העכערונגען אין באצאלונג, ווי צום ביישפיל אן איינמאליגע באנוס און ביז אזויפיל ווי 12 וואכן פון פולשטענדיג-באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב. די קאנטראקט רעכנט אויך אריין ענדערונגען צו דעם העלט אינשורענס פראגראם וואס וועלן שטופן די ארבייטער צו נוצן העלט קעיר סערוויסעס וואס זענען אין די נעטווארק פון די אינשורענס פלאן — העלפנדיג דערמיט האלטן העלט אינשורענס קאסטן אין קאנטראל. די קאנטראקט רעכנט אויך אריין פינאנצירונג פאר לעיבאר-פארוואלטונג אינציאטיוון.

**יונייטעד יוניווערסיטי פראפעשענס פרעזידענט, פרעדעריק ע. קאוואל, PhD, האט געזאגט,** "מיר וואלטן נישט געקענט זיין מער צופרידן מיט די תוצאה פון די באשטימונג וואלן וועלכע האבן געזעהן אן איבערוויגנדע מערהייט פון מיטגלידער וועלכע האבן געשטימט צו באשטעטיגן די אפמאך. דאס איז א קאנטראקט וואס איז רייך אין פארדינסטן פאר אלע מיטגלידער, אריינרעכענענדיג אונזערע וויניגסטע-באצאלטע מיטגלידער, ארבעטנדע עלטערן און לערער און איינגעשטעלטע ביי אונזערע פובליק

שפיטעלער וואס לערנען אריין סטודענטן און וועלכע האבן זיך איינגעשטעלט זייערע לעבנס דורכאויס די פאנדעמיע. מיר באדאנקען גאווערנער קעטי האקול פאר איר וויליגקייט צו פארהאנדלען פאר א יושר'דיגע און גלייכע אפמאך וואס וועט בענעפיטירן אונזערע 37,000 מיטגלידער."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "SUNY סטודענטן און די קאמיוניטיס וועם מיר באדינען בענעפיטירן שטארק פון די מבינות און איבערגעגעבנקייט פון אונזערע לערער און פראפעסיאנאלן אויף SUNY קאמפוסן און שפיטעלער. די מענטשן זענען איבערגעגעבן צו די הצלחה פון אונזערע סטודענטן און שטופן פאראויס זייערע שטודיע פעלדער, אין די צייט וואס אנדערע זענען פארשער און ספעציאליסטן וועלכע זענען איבערגעגעבן צו אדרעסירן געזעלשאפטליכע שוועריגקייטן אדער זיך אפגעבן מיט פאציענטן — אלע מיט די געמיינזאמע ציהל צו מאכן א חילק אין דינסט פאר ניו יארק סטעיט. מיינע דאנקען גייען פאר פרעזידענט קאוואל פאר זיין פירערשאפט, און מיינע וואונטשן פאר אונזערע לערער און איינגעשטעלטע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418